# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת אחרי – שבת הגדול | שנת תשע"א לפ"ק


## מילי דחסידותא

**כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו וכמעשה ארץ כנען:**

**שמעתי מאבא מארי הגאון הצדיק מו"ה אלעזר ניסן זלה"ה אב"ד דק"ק דראביטש,** מעשה ארץ מצרים וארץ כנען לא נאמר, כי אם כמעשה, ר"ל אפילו אם תעשו כמעשה של ארץ מצרים וכנען, היינו דבר המותר שהם עושים, כמו משא ומתן ומאכל ומשתה, אתם לא תעשו כמעשיהם, כי אם משונה מהם שהם עושים זאת למלאות תאותם, ואתם לא כן, רק עשו לשם שמים לקיים בו מצות ה', על דרך (יבמות כ' ע"ב) **קדש עצמך במותר לך**, שגם המותר לך יהיה בקדושה ובכונה רצוי' די סיפוק לשם שמים, עיין רמב"ן על הפסוק (ויקרא י"ט) קדושים תהיו עכ"ד (ייטב פנים, פורים ד"ה עוד יאמר)

## דרש דרש

**ושמרתם את חקתי ואת משפטי אשר יעשה אתם האדם וחי בהם אני ד'.** רש"י זאגט אויף אני ד' נאמן לשלם שכר, לכאורה וואס וויל די תורה דא זאגן מיט דעם.

עס שטייט פונעם **רבי'ן ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע**, די גמרא זאגט (עירובין דף י"ג ע"ב) אז די בית שמאי און די בית הלל האבן זיך געקריגט אויב עס איז גוט אז א מענטש זאל באשאפען ווערן, אדער נישט, נאכדעם זאגט די גמרא, **"נמנו וגמרו"** אז עס איז בעסער אז א מענטש זאל נישט באשאפען ווערן, איז דער **מהרש"א** מסביר די לשון פון "נמנו וגמרו", ווייל זיי האבן צוזאם געציילט די מצוות און די עבירות, און מען האט געזעהן אז מצות עשה איז דא (רמ"ח) 248 און לא תעשה'ס איז דא (שס"ה) 365, איז דאך דא מער עבירות, קען דאך א מענטש שנעלער נכשל ווערן מיט א עבירה, וועגן דעם איז בעסער ער זאל נישט באשאפען ווערן.

זאגט דער **רבי ר' שמעלקא** אז עס שטייט דאך אין די גמרא אז **מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, אבער מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה**, קומט אויס לויט דעם אז ווען א איד וויל גיין מקיים זיין א מצוה, און ער טראכט עס צו טוהן איז ער שוין מקיים א מצוה, איז דאך א יעדע מצוה אזוי ווי צוויי, אבער ביי א עבירה איז דאך נישט אזוי, איז דאך שוין דא מער מצות עשה'ס ווי לא תעשה'ס, במילא איז שוין יא גוט אז א מענטש זאל יא באשאפען ווערן.

זאגט דער **עצי חיים זי"ע** לויט דעם קען זיין פשט אין פסוק **ושמרתם את חקתי**, ושמרתם איז א לשון פון טראכטן במחשבה, עטס זאלטס טוהן די מצות אויך במחשבה, במילא וועט זיין **וחי בהם** אז עס וועט זיך יא לוינען אז מען זאל באשאפען ווערן, אויף זאגט יעצט רש"י **נאמן לשלם שכר** אז מען וועט אויך באקומען שכר אויף די מחשבה.

## מעשה רב

### בזאת יבא אהרן אל הקודש!

עס ווערט געברענגט אין ספר **בית אהרן** אז ווען הרה"ק ר' **אשר'ל סטאלינער** פלעגט לייענען די פרשה פון יום כיפור אין פרשת אחרי, האט ער געהאט אזעלכע גיעגועין צו יום כיפור, כמעט ביז כלות הנפש.

ער פלעגט זאגן אז דאס איז צוגעגליכן ווי ווען מען גרייט צו א גוטע זאך אויף א חתונה, דאמאלטס בשעת מען גרייט דאס צו פארזוכט מען דערפון, און דאס רייצט אן דעם מענטש, גענוי אזוי איז דעם שבת ווען מען לייענט די פרשה פון די עבודה דארף דאס אנרייצן דעם מענטש מיט א גלוסטעניש צו די עבודה פונעם הייליגן טאג.

*

### פארענטפערט דעם רמב"ם

דער הייליגער **רבי ר' הערשעלע ליסקער זי"ע** פלעגט זאגן בדרך צחות אז די רבנים זענען פארנומען פאר פסח זיך פארצוקוקן א שבת הגדול דרשה און צו פארענטפערן א שווערן רמב"ם, איך פיר זיך צו פארענטפערן דעם רמב"ם למעשה.

האט ער מסביר געווען זיינע ווערטער, אז דער רמב"ם ברענגט להלכה די הלכה פון בערב תאכלו מצות, און ער ברעגט אויך די הלכה פון לא תגנוב, נו, איז דאך לכאורה דא א סתירה, ווייל אן ארעמאן וואס האט נישט קיין געלט און ער האט נישט פון וואו צו נעמען געלט פאר קיין מצות, פון וואו זאל ער מקיים זיין די מצוה אנעם עובר זיין אויף לא תגנוב?

"אבער איך פארענטפער דעם רמב"ם - האט **רבי הערשעלע ליסקער** אויסגעפירט - ווען עס קומט אריין צו מיר אן ארעמאן, און ער זאגט מיר אז ער האט נישט אויף הוצאות החג זע איך אז עס זאל נישט זיין קיין סתירה, ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון בערב תאכלו מצות, אנעם עובר זיין אויפן לא תגזול, אט דאס איז מיין בעסטע שבת הגדול דרשה"

# שבת הגדול

**קורין השבת שלפני הפסח בשם שבת הגדול:**

ווען מיר דא לערנען עטליכע טעמים דערויף.

ווייל צוויי שבתים אין יאר טוט מען תשובה, שבת הגדול און שבת שובה, און די חילוק פון די צוויי שבתים איז אז שבת תשובה טוט מען תשובה מיראה, אבער שבת הגדול טוט מען תשובה מאהבה.

דער רבינו יונה ברענגט אז א בעל תשובה דארף זיך פארשטעלן אז ער איז א תינוק שנולד, כדי ער זאל נישט טראכטן פון זיינע עבירות, ווייל דאס קען אים ברענגען צו יאוש, אבער דאס איז נאר אויב מען טוט תשובה מיראה, אבער ווען מען טוט תשובה מאהבה וואס די עבירות ווערן מצוות דארף ער נישט זיין ווי א תינוק שנולד.

וועגן דעם הייסט עס "**שבת הגדול**", צו מרמז זיין אז אין דעם שבת דארף מען זיך נישט האלטן פאר א "קטן" אזוי ווי שבת שובה, נאר מען קען זיך האלטן פאר א "גדול". (הישר והטוב)

*

ווייל אין פסוק (ויקרא כ"ג ט"ו) שטייט "**וספרתם לכם ממחרת השבת**", אין די חכמים האבן מקבל געווען אז עס מיינט ממחרת די יו"ט פסח, ווייל יו"ט ווערט אויך אנגערופן שבת, אבער די אפיקורסים וואס גלייבן נישט אין תורה שבעל הפה זאגן אז יו"ט ווערט נישט אנגערופן שבת, און עס מיינט זונטאג א טאג נאך שבת.

און די חכמים האבן געטון א סאך זאכן להוציא מלבן של צדוקים, וועגן דעם האבן זיי געגעבן דעם נאמען פון א שבת פאר פסח "שבת הגדול", צו ווייזן אז דאס איז די גרויסע שבת און פון דעם איז געדרונגן אז נאכדעם איז דא א קלענערע שבת, וואס דאס איז די יו"ט פסח, וואס ווערט אויך אנגערופן שבת, און עס איז קלענער ווייל יו"ט איז גרינגער פון שבת (בני יששכר)

# בפרדס הפרשה

## שבת הגדול

וואס איז דער באדייט פון **שבת הגדול**?

דער טור ברענגט אז דער ענין פון **שבת הגדול** איז ווייל אין דעם טאג האבן אידישע קינדער געקויפט דעם פסח מצרים, ווייל יענעם יאר איז פסח געווען דאנערשטאג איז דער צענטער טאג געווען שבת, די אידן האבן גענומען די לעמעלע און זיי האבן דאס צוגעבינדן צו די פיס פון בעט, און די מצריים זענען געקומען פרעגן וואס טוט עטס מיט די לעמעלע, האבן זיי געענטפערט אז זיי ווען דאס שחט'ן פאר קרבן פסח, און די מצרים זענען געווארן אין כעס, און זיי האבן גארנישט געקענט טון פאר די אידן.

**תוספות** אין מס' שבת (דף פ"ז) זאגט א צווייטע טעם וואס עס איז דער נס פון י' ניסן, ווי דער מדרש זאגט אז די גוים האבן זיך צוזאמענגענומען און געפרעגט די אידן פארוואס זיי נעמען די לעמעלע, און ווען די אידן האבן דערציילט אז עס גייט זיין מכת בכורות האבן זיי זיך אנגעהויבן צו שלאגן צווישן זיך, און זיי האבן זיך דערהרג'עט איינער דעם צווייטן, ווי עס שטייט אין תהלים "**למכה מצרים בבכוריהם**" אז די מצריים האבן זיך דערשלאגן מיט זייערע אייגענע בכורים.

דער **בית יוסף** פרעגט אויף דעם טעם פונעם טור, ווייל לויט דעם וואלט דאך אלע פינף טאג ביז פסח געדארפט זיין דער זכר הנס, וואס די מצרים זענען געווען מלא כעס, פארוואס נאר י' בניסן מאכט מען דעם זכר, ענטפערט ער אז די עיקר נס אין אינעם ערשטן טאג, אבער נאכדעם ווערט מען ציגעוואוינט, כיון דדש דש.

דער **באר היטב** בשם ר' משה רבי אליוש ברענגט אז דער נס איז געווען נאר שבת, ווייל אלע פיר טעג וואס אידן האבן נישט געשחט'ן דעם קרבן פסח האבן די מצריים געמיינט אז די אידן טרויען זיך טאקע נישט צו שחט'ן דעם קרבן פסח ווייל זיי האבן מורא פון זיי, משא"כ שבת, וואס מען קען סייווי נישט שחט'ן, האבן דאך די מצריים נישט געקענט האבן אזא הו"א, דעריבער האט מען קובע געווען דוקא שבת אלס זכר לנס.

פארוואס מאכט מען דעם זכר לנס שבת, און נישט י' ניסן, אזוי ווי אלע ימים טובים וואס מען האט קובע געווען אינעם טאג פון חודש, נישט פון די וואך?

דער טורי **זהב** ברענגט א תירוץ **בשם רבי משה חריף ז"ל** אז וויבאלד י' ניסן איז געווען נאך א נס, מיט 40 יאר שפעטער ווען אידן זענען אריבער דעם ירדן אריינצוגיין קיין אר"י, וואלט מען געקענט מיינען אז דאס איז די סיבה פארוואס מען מאכט דעם זכר לנס, דעריבער האט מען דאס קובע געווען אויף שבת, און נישט אין י' ניסן. דער טו"ז לייגט צו אז ער האט דאס איבערגעזאגט פארן שווער דער ב"ח און ער האט הנאה געהאט דערפון.דער **מגן אברהם** ענטפערט אז אין דעם טאג י' ניסן איז מרים הנביאה נסתלק געווארן, און מהאי טעמא אין די הלכה אין שו"ע (סי' תק"פ) אז כאטש אין חודש ניסן טאר מען נישט פאסטן, אבער י' ניסן איז יא א תענית צדיקים, מהאי טעמא האט מען נישט געוואלט קובע זיין דעם זכר לנס אויף דעם טאג, האט מען דאס באשטימט אויפן שבת.

דער **חתם סופר** אין זיינע הגהות אויפן שו"ע זאגט דעם טעם אז אין דעם טאג י' ניסן איז דער טאג וואס מען לייגט דעם נשיא פון שבט דן, און וויבאלד דער עיקר פון דעם טאג איז געווען דער ציווי ה' משכו ידיכם מעבודה זרה, ווען אידישע קינדער האבן אויסגעריסן די ע"ז פון מצרים, און שבט דן איז דאך געווען דער היפך פון דעם ווי רש"י זאגט אין פר' לך "וירדוף עד דן" שם תשש כוחו ווייל דארט האט מען געדינט עבודה זרה, דעריבער האט מען נישט געוואלט קובע זיין דעם זכר לנס אינעם טאג פון שבט דן, האט מען דאס קובע געווען אויפן שבת.

דער **חתם סופר** זאגט מיט דעם פארשטייט מען פארוואס מען רופט דעם שבת שבת הגדול ברענגט נאך א טעם אז וויבאלד אין דעם טאג האט מען מבטל געווען די ע"ז, און דער חטא פון ע"ז ווערט אין פסוק אנגערופן חטאה גדולה, וועגן דעם רופט מען דאס אן שבת הגדול.